

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' נשא
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ג

## פראגע

### איז עפעס שלעכט מיט'ן פייפן מיט די מויל?

**ענטפער:**

**איך** ווייסט אז א איד האט געוויסע מאניערן – א געוויסע סארט באנעמונג. פייפן איז נישט קיין אידישע מנהג. עס איז עפעס וואס גוים טוען. אמאליגע צייטן פלעגן גוים פייפן; זיי זענען געגאנגען אויף דער גאס און געפייפן. היינט איז עס שוין נישט אזוי איינגעפירט, אבער עס איז נאך אלץ נישט קיין אידישער מנהג.

יעצט, וואס איז שלעכט דערמיט? בעצם איז עס גארנישט שלעכט, אבער אפילו בלויז זיך צו אידענטיפיצירן מיט די אומות העולם איז שוין א געוויסע שוואכקייט אין די כאראקטער, און עס ווייזט אויף א חסרון אין פארשטאנד.

לאמיר זאגן אז א ישיבה-מאן פון תורה ודעת וואלט ארויסגעגאנגען פון ישיבה און געפייפן – זיי קומען ארויס פון בית המדרש און פייפן. דאס איז נישט א זאך וואס קען געשען! דער איד איז אן עם קדוש. די פראבלעם איז אז מיר כאפן נישט וואס עס מיינט ווען די תורה זאגן: **"ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש"** – א קעניגרייך פון כהנים און א הייליג פאלק. יעדער איד איז א כהן. ס'איז נישט קיין משל. יעדער איד זאל שפירן אז ער איז א חשוב'ער פרינץ. אויב א כהן אין בית המקדש וואלט געפייפן, וואלט יעדער פארשטאנען אז עפעס טויג נישט.

דערפאר, עס איז גארנישט שלעכט מיט'ן פייפן; אבער עס איז אינגאנצן שלעכט. אויב דו ווילסט פייפן, טו עס ווען קיינער הערט נישט. אויב דו ווילסט פייפן צו מאכן אביסל מוזיק אדער פאר אינטערסאנטקייט, איז עס גארנישט שלעכט; אבער צו גיין אויף די גאס און פייפן, דאס איז א סימן אז דו אידענטיפיצירסט זיך מיט די אומות העולם. (E-139#)

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש זיין פרייליך ווען ער לעבט אין א קליינע הויז מיט א גרויסע משפחה?

**ענטפער:**

**לאמיר** זיך אויסמאלן פערציג יאר פון יעצט. אלע דיינע קינדער זענען שוין חתונה געהאט און דו זיצט אליינס אין דעם הויז. יעצט קוקסטו צוריק אויף די גוטע אלטע טעג ווען יעדער איז געווען צוזאמען. אהה! דו גארסט נאכאמאל צו די גליקליכקייט פון **יחד**, ווען די גאנצע משפחה איז געווען צוזאמען.

יעצט זענען דיינע זון און טעכטער חתונה-געהאט און די הויז איז ליידיג. אפילו זיי וואוינען נאנט צו דיר – רוב מאל וואוינען זיי נישט נאנט; זיי וואוינען אין לעיקוואוד אדער ירושלים – אבער אפילו זיי וואוינען יא נאנט איז עס נישט די זעלבע. אמאל זענען אלע קינדער געווען נאנט צו דיר.

עס איז א רחמנות אויף די אלטע מענטשן. זיי קוקן יעצט צוריק וויאזוי זיי האבן נישט דעמאלטס פארשטאנען אז יעצט איז די צייט צו זיין פרייליך. עס איז געווען א קליינע הויז? מסכים, איז מען געווען נאך נענטער אינאיינעם; וואס איז?

במילא, טראכט וועגן דעם עתיד ווען איר וועט שוין נישט וואוינען צוזאמען, און פרובירן הנאה צו האבן פונעם לעבן יעצט. (E-139#)

פראגע

## וואס זאל א איד טראכטן ווען ער עסט מלוה מלכה?

**ענטפער:**

**איינס** פון די זאכן וואס מען קען טראכטן ביי מלוה מלכה איז צו באדויערן אז דער שבת איז שוין פארריבער. און מיר טראכטן: האבן מיר ריכטיג אויסגענוצט דעם שבת? ווען מיר זענען געזעסן ביי די סעודות האבן מיר אריינגעטראכט אינעם געוואלדיגן יסוד פון **בריאת העולם יש מאין**? דאס איז דער גרויסער יסוד, דער **יסוד היסודות** פון דער וועלט. עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט חוץ דעם דבר ה׳.

ווען איר האט געגעסן די שבת סעודה האט איר געטראכט פונעם פסוק **״בדבר ה׳ שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם״** – מיט א ווארט פונעם אויבערשטן איז די וועלט באשאפן געווארן!? אדער דער פסוק **״כי הוא צוה ויעמוד״** – ער האט באפוילן, און עס איז אריינגעקומען אין עקזיסטענץ.

בשעת איר האט געקייט די חלה, האט איר געטראכט פונעם פסוק **״לעולם ה׳ דברך נצב בשמים״** – אז די ווארט **״יהי״** וואס דער אויבערשטער האט געזאגט שטייט נאך יעצט אין הימל און האלט איר אן!? די גאנצע וועלט איז גארנישט חוץ **״יהי״**. דער אויבערשטער קען צוריקנעמען זיין ווארט און די גאנצע וועלט וואלט צאמגעפאלן צו גארנישט. האט איר געטראכט דערפון דעם שבת?! בריאת העולם יש מאין!

אדער האט איר געקלערט וועגן **״עולם חסד יבנה״**, אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר'ן ציל פון חסד?! **״מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה׳״**. די געזאנג פון שבת זאגט אז מען דארף דאנקען השי״ת. אויף וואס דאנקט מען איהם? פאר די וועלט! מען דאנקט דעם באשעפער אז ער גיבט אונז א וועלט. **״כי שמחתני ד׳ בפעליך״** – דו דערפרייסט מיר מיט דיין ווערק. **״מה גדלו מעשיך ד׳ מאד עמקו מחשבותיך!״** – ווי גרויס איז דיין חסד, ווי טיף זענען דיינע פלענער! **״במעשה ידיך ארנן״** – איך וועל זינגען צו דיר איבער דיינע האנט-ווערק.

האבן מיר שוין צוויי זאכן איבערצוטראכטן ביי מלוה מלכה. 1) מאכן א חשבון הנפש צי מ'האט געטראכט שבת וועגן בריאת העולם יש מאין, 2) און צי מ'האט געטראכט וועגן די חסדי ה׳, אז די וועלט איז פול מיט חסד, **״גדלו וטובו מלא עולם.״**

נאכדעם איז דא נאך עפעס וואס מען דארף מאכן א חשבון. האב איך געטראכט שבת וועגן די גרויסקייט פון כלל ישראל?! **״ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם!״** די וועלט איז באשאפן געווארן פאר כלל ישראל, וועלכע זענען אנטקעגנגעקומען און אויסגעקליבן צו דינען דעם אויבערשטן, און יעצט זעט מען למפרע אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר זיי. אן אויסטערלישע לימוד! די וועלט איז געמאכט פאר די וועלכע דינען דעם אויבערשטן. שבת איז א צייכן צווישן מיר און ענק. **״אתם עדי״** – איר זענט מיינע עדים אין דער וועלט.

האט איר געטראכט דערוועגן דעם שבת? אוי, ס'איז א שאד! מען האט נישט גוט אויסגענוצט דעם שבת. יעצט זיצן מיר ביי מלוה מלכה און מיר זאגן, ״אוי, איך האב פארפאטשקעט די געלעגנהייט פון שבת. קומענדיגע וואך וועל איך זיכער מאכן ווען איך זעץ מיר אראפ עסן צו טראכטן די 3 מחשבות. 1) בריאת העולם יש מאין. 2) עולם חסד יבנה. 3) ביני ובין בני ישראל.

דאס איז בלויז דער אנהייב. עס איז דא פיל מער פון וואס צו טראכטן. אבער כאטש די דריי זאכן. און דערפאר זאגן מיר ביי מלוה מלכה צו הקב״ה, ״מיר דאנקען דיר פאר די געוואלדיגע מתנה פון שבת! מיר האבן חרטה אז ס'איז שוין אוועק! קומענדיגע מאל וועלן מיר בעסער אויסנוצן דעם שבת.״

דאס איז בלויז איינס פון די געדאנקען פאר מלוה מלכה.

(E-183#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צוויטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com